די גאָלדענע קייט נומ׳ 27 (1957)

# אומבאַקאַנטע לידער פון משה קולבאַק

## אין ייִדיש און העברעיִש

קאָוונע 1916 - 1918

*

ווינטער. זילבער. שניי און תּכלת.
בערג פון מאַרמאָר אויסגעשניטן.
הימלען: בלאָע שפּריץ־טאַפּעטן.
כ׳בין אין פעלד אַרויסגעריטן...

פּלאַצט דער אײַז און קריצט פאַר גבורה.
סאָסנעס קרעכצן טעמפּ און שטומען.
ווײַט און ברייט אַ ווײַסער מידבר.
ס׳וואַרט מײַן ליבסטע איך זאָל קומען.

פראָסט און קעלט און פלאָם אין מיטן.
פינקלען, שפּריצן שניי און שטערן.
שאַרף די שווערדן שלײַפט דער ווינטער.
זאָל דאָס קינד מײַן טראָט ניט הערן?

ליכטלעך איז פאַרהענגט דעם ווענדל.
קוסט מיט קוסט אין פראָסט באַפּליטערט.
שײַנט דער שליטוועג שטײַף און בליציק.
ניין... זי וואַרט, זי וואַרט און ציטערט...

בלאַנקע שטומקייט. בלאָער שימער.
טריט פון וועלף אין ווײַטקייט פירן.
ווײַס און פעסט און שאַרף און הפקר.
ליבסטע, עפן דײַנע טירן!

די השפּעה פון ביאַליק
ווינטער־לידער



נדערע אויגן אָפּגעשטאָרבן אַ דייַכע ייִדיש
אַזוי איז אויך אַוועק, פאַרגעסן געוואָרן אַ
ייִשע קולטור...
לעקציע ניט לערנען עפּעס? צי זענען די
ר אַראַמיש — צי זענען זיי ניט געווען קיין
פון לעבן אָדער פון אונטערגאַנג? אַראַביש
ליכסטער וועלטקולטור. אַראַמיש — אַ שפּראַך
אַ שפּראַך כמעט אַ טויטע, וואָס האָט זיך
ן אונזע לעקציעס. ווען ייִדן וואָלטן געוואָלט
געוואָלט לערנען...?

*

אַ סאַזשלקע געווען איז דאָך ביי אונדז אין גאָרטן,
ניט אמת, טייערע?
ביים ברעג בין איך מיט דיר אין גראָז געזעסן דאָרטן,
אַזוי, מיין טייערע!

אַ שוואַן אין סאַזשלקע איז שטיל און שלאַנק געשווומען,
ניט אמת, טייערע?
געשמעקט האָט אויף אונדז אַ דופט פון היי און בלומען,
אַזוי, מיין טייערע!

מען האָט געזאָגט: אין גאָרטן איז אַ סוד פאַרבאָרגן,
ניט אמת, טייערע?
ער ווינטלט ציטערדיק אין ראָזלעכן פרימאָרגן,
אַזוי, מיין טייערע!

ער רופט אין גאָלד'נעם גרונט פון סאַזשלקע, באַגינען,
ניט אמת, טייערע?
נאָר קיינער, קיינער קען און וועט אים ניט געפינען,
אַזוי, מיין טייערע!

דער שוואַן האָט אים אַמאָל פאַרטאָג פאַרטרויט אונדז ביידן,
ניט אמת, טייערע?
און תּמיד האַרציק פלעגט זיין עכאָ צו אונדז ריידן,
אַזוי, מיין טייערע!





שיר השירים

*

ליבינקע, צאַרטע, און איידעלע,
זוכט און געפינט אַזאַ מיידעלע!

גראָע, צעשראָקענע פייגעלעך
זענען דער ליבינקעס אייגעלעך.

פאַלט אייך, איר כוואַליעלעך קליינינקע,
פאַלט ווי די האָר פון מיין שיינינקע!

לאָמיר זיך שפילן אין קניפּעלעך,
קושן זיך הייס אין די ליפּעלעך.

לאָמיר זיך שפילן אין בערעלעך,
לאָמיר פאַרהוליען די יערעלעך.

ליבינקע, צאַרטע, און איידעלע,
זוכט און געפינט אַזאַ מיידעלע.

פליט אייך, איר ווינטעלעך קילינקע,
פליט אייך, און גריסט זי, די שטילינקע!

זאָגט איר: ס'איז באַנג מיר אַליין, אַליין,
זאָגט איר: דער ווייץ איז דאָך צייטיק שוין. =הנצנים נראו בארץ

זיבן מאָל מערער וואָס מיר'ן פאַרזייט =שבעתים ושבעה
קום, לאָמיר שניידן דעם צייטיקן ברויט.

קאָוונע

*

### א

מיין שוועסטער, עס קליידט דיר דיין טרויער !..
איך ווייס ניט ווי רופט מען דעם אומעט וואָס ווייט פון דיין מאַטאָוון פּנים.
איך ווייס ניט, מיין עלנטע שוועסטער.
אין פעלדזיקע ברעגן באַוועגן זיך פעכיקע כוואַליעס,
און שווער ליגט די נאַכט אויף די כוואַליעס...
צעשפּאָלטן ווערט פלוצלינג דער אָפּגרונט,
און ס׳ווייזט זיך אַ שטומע לוויה...
מיין שוועסטער, ווער איז עס געשטאָרבן ? — —
דאָס מוז זיין דיין שרעקלעכסטער קרבן —
וויבאַלד ס׳האָט דיין אויג עס פאַרהאַלטן און טיף אינעם האַרצן באַגראָבן...

### ב

דו ביסט מיר די שווערסטע אבדה וואָס איך האָב אין לעבן פאַרלאָרן.
וואָס בלייבט מיר נאָך איצטער, מיין שוועסטער ? — —
איך בין ווי דער פרעמדער מתבודד, וואָס גראָבט איין דעם קאָפּ אין
די קנאָכיקע שטיינער פון קלויסטער,
און ס׳ציטערט זיין האַרץ ביי די וויינענדע טענער פון אָרגאַן...
און טרעפט אים ווער, — שווייגט ער.
און פרעגט אים ווער : פרעמדער וואָס ווילסטו ?
פאַרבייסט ער די ליפּן פון ווייטיק און ווערט אין די פעלדער פאַרשוווּנדן.
איך בין דיר — דער פרעמדער מתבודד, מיין שוועסטער ! — —

קאָוונע





משה קולבאַק
אַ יוגנטבילד פון יאָר 1917. געבוירן אין סמאַרגאָן 1896. אין 1928 אַוועק פון ווילנע קיין ראַטן־פאַרבאַנד. אַרעסטירט געוואָרן אין מינסק אין 1937. אומגעקומען אין אַן אַרבעט־לאַגער אָנהייב די פערציקער יאָרן.

## הורדוס

### א

ס'שרייט אין רויטן רוים אַ גייער: טרויער, טראָג מיך, טראָג!
אין די סעדער צווישן שאָטנס איצטער שטאַרבט דער טאָג.
שווים אָ, נאַכט, אין ראָזן אַוויר, שווענק די בערג אַרום,
צינד פאַר מיר די בלאָע שטערן, שפּרייט זיך אויס, און שטום.
הילכיק זענען איצט די זאַלן, קיינער קומט ניט מער.
אין די בערג און אין די סעדער שטאַרבט דאָך איצטער ווער...
אויף מיין שטול אין טונקלען פּאַלאַץ טרויער איך אַליין...
שווער איז מיר, אַך, איצט דער שווערד, און שווער די גאָלד'נע קרוין...

### ב

רייכסטער אמת איז דעם ליגנס שאַרפסטע ווייטע פייל,
דינער! קליידט זיך אָן אין פּורפּור, שטעלט זיך פעסט אין צייל.
שמירט די העק, און צינדט די פאַקלען, קומט — נאָר ניט אין שלאַכט,
לאָמיר גיין די יונגע מרים זוכן אין דער נאַכט.
ניין, אַך ניין... אָ, לאָזט מיך, דינער, זיין איך זאָל אַליין!

### ג

קיינער קומט ניט, קיינער גייט ניט, הילכיק איז אין זאַל,
דורכן פאָרהאַנג אויף מיין פענצער פאַלט לבנה־שטראַל..
היטער, שטילער!.. שאַ... מען עפנט ערגעץ ווו אַ טיר,
מרים, צאַרטע, שטאָלצע מרים, זעץ זיך לעבן מיר...
כ'האָב אין סאָד דיר מינטש געראויכערט, — אפשר ביסטו דאָרט?!...
ס'ווייט פון נאַכט דיין יונגער טרויער, — ביסט געקומען פאָרט.
כ'האָב מיט גאָרפינקלען באַזעצט דיין טראָגבעט און דיין קרוין,
מרים, מרים, אין מיין פּאַלאַץ לאָז מיך ניט אַליין!
דורך די בערג פאַרנעם מיין שטימע אין די שווערע נעכט:
הורדוס איז פאַר זיי אַ קעניג, נאָר פאַר דיר אַ קנעכט.





## די צעשטערונג פון בבל

עָרֹךְ הַשֻּׁלְחָן, צָפֹה הַצָּפִית אָכוֹל שָׁתֹה, קוּמוּ הַשָּׂרִים מִשְׁחוּ מָגֵן —
ישעיה, כ״א

ט־ין געגרייטע צום מאָלצייט.
פּאַקלען אין מעש זשיראַנדאָלן באַשווענקטע דורך זילבערנע פלאַמען.
בלאַנקען די טישטעכער ווייס ווי די פעלדער אין אייז־קאַלטן צפון
און שפּריצן מיט שנייִיקן שימער...
גבירים געפּרעסטע אין פאַנצערס פון בליציקן, מעכטיקן קופּער;
אין שפּיגלענדע רינגען און העלמען —
זטייען געלענט אָן די שווערדן און וואַרטן:
בלשאצר דער קעניג דאַרף קומען — — —
אַ שטורעם האָט פלוצלינג די טיר אויפגעעפנט...
אין עלנטן ציטער געשאַלט האָט דער האָרן פון ווערכטער...
האָט אויג פון די קריגער מיט בלוט איז פאַרלאָפן
אין פעסט האָט די האַנט צונעם שווערד זיך געצויגן:
ווער זענען די בוגדים?! —
דער עלטסטער און מעכטיקסטער ריטער אַנטבלויזט האָט זיין שווערד
און מיט קראַפט אינעם זאַל אויסגעשריגן:
די קנעכט זאָלן רייטוועגן שפּאַנען!
געווער זאָלן גרייטן די דינער און שמירן מיט בוימל די פאַנצערס!
אַ פיינד איז אויף בבל געקומען!

אין עלנטן ציטער געשאַלט האָט דער האָרן פון ווערכטער — — —
געיאָגט האָבן העלדן אין ווילדן גאַלאָפּ צו דעם טויער.
אַ ווינטל געקנייטשט האָט דעם פרת און געוויגט די געלאָקטע טשינאַרן,
פון ווייט אין די בערג האָט אַן אָפּקלאַנג פון רוישיקע טריט זיך געטראָגן.
די וואַנט איז געווען באַלאַגערט פון רייטער, און שוואַרץ אינעם נאַכטיקן
הגלות, געשטורנט האָבן שטייף אויף איר דעק סילועטן פון פלינקע פיל־קרעפּטיקע
פערד און באַפּאַנצערטע אייזערנע ריטער.
דער פיינד איז אויף בבל געקומען!

— שומר, וואָס זעסטו פון טורעם? —
„אוי וויי צו די אויגן וואָס זעען: אַ לייב ברעכט די צעדער אין שנער,
און טרעט די פריש־צייטיקע טרויבן.
דעם פרת האָט באַגאָסן אַ פורפור. אוי וויי צו די אויגן וואָס זעען —
מיר דוכט ס'איז דאָס בלוט פון די בבלים.
איך זע ווי עס טרעטן די מחנות און פעסט איז דער טראָט פון די פערסן...
איך זע ווי די רייטוועגן יאָגן, ווי ס'בליצן די העק ביי די קריגער.
און אייזלען געפּאַקטע מיט שפּיזן, און קנעכט מיט געשלייפטע באַגנעטן.
איך זע קאַראַוואַנען פון קעמלען, מיט קייטן מיט שווערע געלאָדן — — —
אוי וויי צו די אויגן וואָס זעען!"

די שלאַכט האָט געפלאַקערט...
אין ברויזיקן שטורעם געמישט האָט זיך אָפּגרונט, און נאַכט, און מלחמה.
פאַרשווונדן דער חילוק פון פריינד און פון שונאים; עס הערשט נאָר דער שווערד
און דער שטן.
אין ווילדן טריומף גאַלאָפּירן און שטרייטן די אייזן־באַוואָפנטע העלדן.
עס קרעכצעט די בלוטיקע מחנה און בייגט זיך אין שווערע קאָנוווּלסיעס.
אין זייט בלייבט צווילינס אַ גבור, באַלד גרויזאַם פאַרכאַפּט אים דער שטורעם.
אַ האַק וואַרפט זיך פלוצלינג אַדורך, און זי טריפט מיט דאָס בלוט פון הרוגים. —
— ס'איז בעסער דער טויט פאַר דעם בבלער, די קייט איז נאָך ענגער פון קבר.
— פאָרויס, איר בבליים, מיר מוזן דעם שונא צעטרעטן.
— פון מידבר פאַרציט זיך אַ וואָלקן און שרעקט מיטן פחד פון חורבן.
— די לעצטע באַפאַנצערטע קרעפטן זיי זאָלן דעם פיינד אונטערברעכן!!!
נאָר ס'גיסט זיך די בלוט פון די בבלער...
עס פאַלן, עס פאַלן די קריגער... — —

דער טאָג האָט זיך שפּעטער באַוויזן, און חרוב ליגט בבל צעשמעטערט,
פאַרבלוטיקט דער מאַרמאָר פון טעמפּל, אויף שטיקער צעבראָכן דער בעל.
בלשאצר געטויט דורך פאַררעטער. די דופטיקע ליליעס פון מיזרח,
די טעכטער פון בבל געשענדעט. ווו זענען די העלדישע ריטער?
די ברוינע פאַרברענטע געזיכטער? ווו זענען די צערטלעכע פרויען,
וואָס בליצן מיט פלאַם און מיט בלומען?
געפאַלן איז בבל, געפאַלן...





## שטאַרב!..

פאַרשפּעטיקט! עס ראַנגלט זיך גאָט מיטן טייוול...
אין גרויל־שווערן אָפּגרונט צעברעכן זיך קנאָכן פון טויטע.
צעזשויבערטע כמאַרעס, ווי שרעקלעכע גריוועס פאַרשפּאַרן
די טריבע צעשטערונג...
זין מעכטיקן האַרצן, אַ דונער צעשמעטערט די אייביקע פעלדזן...
און טיף פון דער ערד רייסט זיך דורך ווי אַ שאַרף־בלאַנקער חלף
די אימהדיק־ביטערע קללה:
שטאַרב!..

פאַרשפּעטיקט! עס ראַנגלט זיך גאָט מיטן טייוול...
אַלץ איינס ווער ס'וועט ברענגען נצחון!
ברעך־אויף נאָר די ברוסט פונעם שונא,
און ווייז מיר:
נס צאַפּלט אַ בלוטנדיק האַרץ אויף דיין מעסער?..
פאַרבייג איך די קני פאַרן טויטן, און זאָג אים מיט האַרציקן גלויבן:
שטאַרב!..

פלוצלינג צעפאַלן די מאַרמאָרנע זיילן...
אויף גאָלדענע צלמים
פאַרקלייבן זיך גליטשיקע שלאַנגען...
אין העלפאַנטביין־בעטלעך — כאַ־כאַ — שלאָפן בלאָע, געשוואָלענע זדים
און שוואַרצע, פאַרטריקנטע פליגלען
צעשפּאַלטן ווי בליצן
די גראָע צעשויבערטע כמאַרע.
כאַ־כאַ־כאַ־כאַ —
ס'איז דער טייוול געקומען!..

★

גַּן סְתָו. שְׁבִיל שְׁטוּף־הַצֵּל.
אַתְּ, אֲנִי, וּדְמִי הַלֵּיל.

כֶּסֶף־חַי בֵּין עֲלֵי פָּז.
אַתְּ, אֲנִי, וְטֹהַר הָרָז...

יָד חֲרֵדָה, מַבַּט כְּאֵב,
אַתְּ, אֲנִי, וּנְהִי הַלֵּב.

סַהַר נוֹגֵהַּ, מִלַּת דֹּם.
אַתְּ, אֲנִי, וּנְשִׁיקַת־חֹם.

ר"ח חשון

★

דַּי! אֶחָבֵא אֶל הַכֵּלִים
שָׁקְטָה בְּאֵרִי...
כְּשֹׁךְ הָעֶרֶב אֶתֵּן יָד
בְּלֵב מְזוֹרִי.

גַּלֵּי מְצוּלָה! — שָׁחוֹר גַּבֵּיכֶם
רַד עַל זְהָבִי.
חֲרָפַי מַמְתִּין בֵּין הַשְּׁלָגִים...
לְאַט — לְבָבִי!

לוּ אִוָּתֵר עֵר לַלַּיְלָה,
מַאֲוַיַּי
רוּחַ־הַנֶּשֶׁף אֶשְׁתְּ בֵּין צְלָלִים
וּכְבָר דַּיַּי.

כָּבוּ נְעוּרַי בְּצֵל הַחֲרָשׁוֹת
בְּאֵד הַפְּלָגִים...
חָרְפִּי מַמְתִּין בְּחֶרְדַּת־שַׁיִשׁ
בֵּין הַשְּׁלָגִים.





★

בְּאַפְלוּלִית לֵיל אֵט עַתָּה אָהֳלִי,
וְתוּגָה נוּגָה, רַכָּה עֶדְנַת־כָּנָף תִּשְׁמֹר סִפִּי...
לַיְלָה.
חֶרֶשׁ, חֶרֶשׁ אֵצֵא אֶת מְעוֹנִי
אָלִיט יָד בְּיָד,
וּמִשְׁנֶה דְּמָמָה אֹדֶם:
אַלְלַי לִי!
דִּמְעָה זַכָּה נִצְנְצָה בִּבְרַק־צְנִיעוּתָהּ.
אַךְ בֶּן לַיְלָה
חָרְדָה וְנִדְלְקָה...
בְּמִסְתָּרִים פִּרְפְּרָה בִּדְמִי יְגוֹנָהּ נֶפֶשׁ תַּמָּה,
רֶטֶט חַי עֲבָרָהּ וַתִּתְיַתֵּם...

אָחִי, אָחִי, לֵיל נְדוּדִים!
תְּכֻלְתְּךָ צַק לִי, רָוֶה נִשְׁמָתִי, וּבְהֶמְיָתְךָ רָן־נְכָאִים...
דְּמָמָה טְמִירָה, סֹבִּי דַּלְתֵי לַיְלָה —
וְאֶל שְׁפוּנֵי שְׁחוֹר הַתְּהוֹמוֹת שְׂאִי יְגוֹנִי,
יְגוֹן הַנֶּפֶשׁ הָעֲיֵפָה...
בְּגַעְגּוּעֵי־רֹתֶת אֲחַכֶּה לָךְ...
וָאֵבְךְּ.
בְּכִי עוֹלָל רַךְ עַל קֶבֶר אִמּוֹ...
וּבְהָנֵץ חַמָּה, שׁוּלֵי שְׁמֵי מֶרְחַקִּים יֶחֱוָרוּ,
גַּל זִיו וְכֶסֶף רַךְ וְיִז בְּדִמְדּוּמֵי שַׁחַר...
אֲנִי — עֲרִירִי,
וּלְבָדָד אֵלֵךְ עִם יְגוֹנִי,
וְאֶתַּנֶּה חֶרֶשׁ כְּאֵב לְבָבִי בִּדְמִי הַלֵּיל
בִּכְאֵב הָעוֹלָם...

ר"ח חשון